# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................5:27
מוצאי שב"ק.....................6:58

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.....................מלכים-ב ז'-ח'
בבלי.......................פסחים צ"ח
ירושלמי..................יבמות ס"ז
תוספתא.............כלים קמא ג'
רמב"ם....................גירושין ב'


פרשת תצוה, שושן פורים, ט"ו אדר, שנת תשפ"א לפ"ק — שנה 10, גליון 23 (488)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְנָשָׂא אַהֲרֹן אֶת שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל עַל לִבּוֹ, אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל, זָאל טְרָאגְן דֶעם חוֹשֶׁן אוֹיפְן הַארְץ שְׁטֶענְדִיג. דֶער הֵיילִיגֶער **תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף** זי"ע בְּרֶענְגְט פוּן **בַּעַל שֵׁם טוֹב** זי"ע, אַז יֶעדֶע זַאךְ פוּן דִי תּוֹרָה, גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אִיד, אִין יֶעדְן דוֹר, לוֹיט זַיין מַצָּב. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען נִיצְן דִי מִצְוָה פוּנֶעם חֹשֶׁן?

מוֹהֲרָא"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') אַז יֶעדֶער אִיד אִיז וִוי אַ דִימַאנְט שְׁטֵיין אִינֶעם קְרוֹין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס טוּט אוּנְז דֶער חֹשֶׁן וַוייזְן, יֶעדֶער שֵׁבֶט הָאט אַן אַנְדֶער שְׁטֵיין, מִיט אַן אַנְדֶער קָאלִיר, דָאס וַוייזְט אוּנְז אַז יֶעדֶער אִיד הָאט זִיךְ זַיינֶע נְקוּדוֹת וָואס עֶר קֶען טוּן. יֶעדֶער דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגְנְאַרְטִיגְן וֶועג, מֶען קֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. דֶערְפַאר טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן, וֶוען מֶען זֶעט אַז אַ צְוֵוייטֶער קֶען טוּן זַאכְן וָואס דוּ קֶענְסְט נִישְׁט טוּן, וַוייל דוּ קֶענְסְט טוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס יֶענֶער קֶען נִישְׁט טוּן.

אָבֶּער דִי אַלֶע שְׁטֵיינֶער מוּזְן לִיגְן אוֹיפְ'ן הַארְץ פוּן צַדִיק דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל. יֶעדֶער אִיד מוּז גֵיין צוּ אַ צַדִיק, וָואס זָאל אִים וַוייזְן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִין לֶעבְּן, וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז דֶער שְׁלֵימוּת פוּן אַ צַדִיק וֶוען עֶר טְרָאגְט דִי אִידְן אוֹיף זַיין הַארְץ, עֶר הָאט זֵיי אִינְזִין, עֶר זָארְגְט זִיךְ פַאר זֵיי, אוּן לֶערְנְט זֵיי אוֹיס דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִינֶעם חֹשֶׁן אִיז גֶעלִיגְן דִי "אוּרִים וְתוּמִים", דֶער צַדִיק שַׁיינְט אַרַיין דֶעם "אוֹר" פוּן "תְּמִימוּת", צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אַרַיינְצוּכַאפְּן וִוי מֶער מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים פָּשׁוּטֶערְהֵייט וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס גֶעהֵייסְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן י"ט) אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית פוּן אַ אִיד אִיז צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת. דִי אַרְבֶּעט פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע אִיז אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען חָכְמוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים אִינֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אַזוֹי אִים אַוֶועקְנֶעמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְפַאר דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִיק וָואס זָאל אַרַיינְשַׁיינֶען אִינֶעם מֶענְטְשׁ דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִים מְעוֹרֵר זַיין צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּמִימוּת.

דֶער חֹשֶׁן הָאט אוֹיךְ גֶעהֵייסְן "חֹשֶׁן הַמִּשְׁפָּט", דָאס אִיז פוּן דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאכְן וָואס דֶער צַדִיק לֶערְנְט אוֹיס, אַז יֶעדֶער זָאל זִיךְ אַלֵיין מִשְׁפָּט'ן. יֶעדְן טָאג זָאל מֶען אַרָאפּ'גַנְבְ'עֶנֶען אַ מִינוּט צְוֵויי, אוּן זִיךְ אַדוּרְךְ רֶעדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער, וָואס טוּ אִיךְ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט? אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר, הֶעלְף מִיר אוֹיף וַוייטֶער, הֶעלְף מִיר מִיט דָאס, הֶעלְף מִיר מִיט דָאס" אַזוֹי רֶעדְט זִיךְ יֶעדֶער דוּרְךְ זַיין פְּרִיוַואטֶע לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיף אַזַא וֶועג אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק תְּצַוֶּה תשע"א לפ"ק)

## מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### שׁוּשַׁן פּוּרִים

אִין דִי עֶרְשְׁטֶע יָאר וָואס רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן, אִיז עֶר גֶעפָארְן אוֹיף פּוּרִים צוּם רֶבִּי'ן מִיט גְרוֹיס מְסִירַת נֶפֶשׁ. דֶער רֶבִּי אִיז דַאן גֶעוֶוען אִין דִי שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, צוּ דִי חֲתוּנָה פוּן זַיין טָאכְטֶער שָׂרָה ע"ה. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ לַאנְגֶע אוּן שְׁוֶוערֶע וֶועג צוּ פָארְן, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צַייטְלִיךְ קַיין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע. עֶר הָאט פַארְפַאסְט דִי מְגִילָה לֵיינֶען פוּן רֶבִּי'ן דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט.

בַּיינַאכְט וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעטַאנְצְן אוּן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט בַּיים רֶבִּי'ן, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "מַיין תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ - נָתָן, וָואלְט אוֹיךְ גֶעגְלוּסְט אוּן גֶעוָואלְט זִיךְ מִיטְפְרֵייעֶן דָא מִיט אַייךְ, עֶר וֶועט אָבֶּער פַארְעֶנְדִיגְן דִי שִׂמְחַת פּוּרִים אוּם שׁוּשַׁן פּוּרִים".

וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז שְׁפֶּעטֶער אָנְגֶעקוּמֶען אוּן עֶר הָאט גֶעקְרֶעכְצְט אַבִּיסְל פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז זַיין פּוּרִים

<<<<<<

## א גוט ווארט

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אִין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת (מַעֲשֶׂה ב') אַז וֶוען דִי בַּת קֵיסָר אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן שִׁיף, אוּן מְ'הָאט זִיךְ דָארְט אָנְגֶעטְרוּנְקֶען, הָאט מֶען אִיר אָנְגֶעטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ. וֶוען דִי בַּת קֵיסָר הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט זִי גֶעזָאגְט: "סְ'וָואלְט זִיכֶער גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, אִיךְ וִויל אָבֶּער מְ'זָאל רֶעדְן פוּן דֶעם נִישְׁט מִיט קַיין אָנְגֶעטְרוּנְקֶען מוֹילִ".

מְ'זֶעט אַז וֶוען סְ'קוּמְט דִי פְרֵיילִיכֶע טֶעג פוּן פּוּרִים, אִידְן וֶוערְן בְּגִלּוּפִין, דַאן קֶען מֶען הֶערְן פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם רֶעדְן מִיט זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מְ'רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מְ'פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען מְ'הֶערְט וִוי אַן אָנְגֶעטְרוּנְקֶענֶער אִיד רֶעדְט, קֶען מֶען מַמָּשׁ זֶען וִוי עֶר אִיז אֵיין שְׁטִיק אֱמוּנָה, עֶר לֶעבְּט מַמָּשׁ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ קֶען מֶען אוֹיךְ זֶען פֶּסַח בַּיינַאכְט, וֶוען מְ'טְרִינְקְט דִי פִיר כּוֹסוֹת, אַז יֶעדֶער טַאטֶע לֵייגְט אַרַיין אִין זַיינֶע קִינְדֶער אֱמוּנָה, מְ'לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער אַז אַזוֹי וִוי דִי אִידְן זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי זֶעלְבֶּע וֶועלְן מִיר אוֹיךְ נָאר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אַלֶע צָרוֹת, נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה, צוּ בֶּעטְן אוּן צוּ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אָבֶּער פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער: "סְ'וָואלְט זִיכֶער גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, אִיךְ וִויל אָבֶּער מְ'זָאל רֶעדְן פוּן דֶעם נִישְׁט מִיט קַיין אָנְגֶעטְרוּנְקֶען מוֹילִ". דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אַז אוֹיךְ נָאךְ פּוּרִים, אוֹיךְ נָאךְ פֶּסַח, סְתָּם אַזוֹי אִין אַ גְרֵינֶעם דִינְסְטָאג, זָאל דֶער אִיד אוֹיךְ לֶעבְּן נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִויסְן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן אַז סֵיי וָואס מְ'דַארְף אִיז נָאר דָא אוֹיף דֶעם אֵיין עֵצָה - צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

# לָאזְט אֵייעֶר מַאמֶע אַרוֹיסְגֶעבְּן אִירֶע וֵוייטָאגְן

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ו שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

אוֹיף אֵייעֶר פְרַאגֶע וָואס צוּ טוּן מִיט אֵייעֶר מַאמֶע תִּחְיֶ׳, זִי רֶעדְט זִיךְ זֵייעֶר אַסאךְ אוֹיס צוּ אַייךְ אוּן אַסאךְ מָאל הֵייבְּט זִי אָן וֵויינֶען פוּן וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִיר; זִי רֶעדְט אַסאךְ קֶעגְן אֵייעֶר טַאטֶע אוּן עֶס שְׁטֶערְט אַייךְ זֵייעֶר, אִיר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיר וֶוערְט זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן וֶוען אִיר טְרַאכְט דֶערְפוּן, אִיר פְרֶעגְט אוֹיבּ אִיר זָאלְט וַוייטֶער רֶעדְן מִיט אִיר.

אִיר זֶענְט נִישְׁט דִי עֶרְשְׁטֶע מִיט דֶעם פְּרָאבְּלֶעם אוּן נִישְׁט דִי לֶעצְטֶע, יֶעדֶע צְוֵוייטֶע מֶענְטְשׁ הָאט דִי פְרַאגֶע. וַוייל וֶוען מֶען פַארְעֶלְטֶערְט זִיךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן אַ נֵייעֶ פַּרְשָׁה, וֶוען מֶען מַאכְט חֲתוּנָה דִי קִינְדֶער דֶעמָאלְט קוּמְט אַרוֹיס דֶעם אֱמֶת פוּן לֶעבְן; אוֹיבּ הָאט מֶען גֶעלֶעבְּט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן שֵׁיין אוּן זִיס וֶוערְט דֶעמָאלְט נָאךְ שֶׁענֶער אוּן נָאךְ זִיסֶער. אוֹיבּ אָבֶער אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן הָאט מֶען נִישְׁט גֶעהַאט אֱמֶת׳עֶ שָׁלוֹם בַּיִת, מֶען הָאט גֶעלֶעבְּט פַאר אַנְדֶערֶע, מֶען אִיז גֶעקוּמֶען, גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעפָארְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, דֶעמָאלְט וֶוען מֶען פַארְעֶלְטֶערְט זִיךְ, וֶוען עֶס גֵייט זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט, עֶס קוּמְט זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אוּן עֶס פָּארְט זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט - דֶעמָאלְט הֵייבְּן זִיךְ דָאס פָּארְפָאלְק אָן צוּ קְרִיגְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

אַוַודַאי זָאלְט אִיר רֶעדְן מִיט אִיר, עֶרְשְׁט יֶעצְט וֶוען זִי גֵייט אַזוֹיפִיל אַרִיבֶּער, זָאלְט אִיר אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם טֶעלֶעפָאן וֶוען זִי רוּפְט אוּן אִיר מְחַזֵּק זַיין.

דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה אִיז הֶעלְפְן אַ מַאמֶע; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פֵּאָה א, א): ״אֵלּוּ דְּבָרִים שֶׁאָדָם אוֹכֵל פֵּירוֹתֵיהֶן בָּעוֹלָם הַזֶּה, וְהַקֶּרֶן קַיֶּמֶת לוֹ לָעוֹלָם הַבָּא: כִּיבּוּד אָב וָאֵם וְכוּ׳״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט שְׂכַר פַאר דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, סַיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סַיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט; עֶס וֶועט אַייךְ צוּרִיקְקוּמֶען בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער. אַייעֶרֶע קִינְדֶער וֶועלְן רֶעדְן מִיט אַייךְ, זֵיי וֶועלְן אַייךְ מְחַזֵּק זַיין; וַוייל אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ מִיט זַיינֶע עֶלְטֶערְן, אַזוֹי וֶועלְן זַיינֶע קִינְדֶער זִיךְ פִירְן מִיט אִים.

לָאזְט אִיר רֶעדְן, לָאזְט אִיר אַרוֹיסְגֶעבְּן אִירֶע וֵוייטָאגְן אוּן נָאכְדֶעם זָאלְט אִיר אִיבֶּערְנֶעמֶען דָאס וָוארְט, אִיר זָאלְט אָנְהֵייבְּן דֶערְצֵיילְן פוּן דִי אֵיינִיקְלֶעךְ, דֶערְצֵיילְט אִיר זִיסֶע זַאכְן פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער; דָאס וֶועט אִיר מְחַיֶּ׳ זַיין. דֶערְצֵיילְט אִיר פוּן אֵייעֶר לֶעבְן, וִוי גְלִיקְלִיךְ אִיר זֶענְט, וִוי שֵׁיין אִיר לֶעבְּט; דָאס וֶועט אִיר גֶעבְּן פְרִישֶׁע כּוֹחוֹת.

פוּן צַייט צוּ צַייט זָאלְט אִיר זִי גֵיין בַּאזוּכְן אוּן אִיר זָאלְט אִיר רוּפְן צוּ אַייךְ אִין שְׁטוּבּ; וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ דִי בְּרָכוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בֶּענְטְשְׁט.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מִשְׁפָּטִים תשפ״א)

>>>>>>

אִיז אִים גֶעוֶוען צוּשְׁטֶערְט, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶעהֶערִיג פְרֵייעֶן אוּם פּוּרִים, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״שׁוּשַׁן פּוּרִים אִיז אוֹיךְ פּוּרִים״...

פַארְוָואס אִיז שׁוּשַׁן פּוּרִים אַזוֹי גְרוֹיס? אוּם שׁוּשַׁן פּוּרִים לֵיינְט מֶען דִי מְגִילָּה אִין דִי שְׁטֶעט וָואס זֶענֶען אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט אַ מוֹיעֶר פוּן דִי צַייטְן פוּן יְהוֹשֻׁעַ בֶּן נוּן. יְהוֹשֻׁעַ בֶּן נוּן אִיז גֶעוֶוען דֶער תַּלְמִיד פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר דִי אִידְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

רֶבִּי נָתָן אִיז מַסְבִּיר אִין לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת אַז אַמָאל אִיז דָא וָואס דֶער רֶבִּי אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אוּן הֵיילִיג אַז דִי תַּלְמִידִים קֶענֶען נִישְׁט אַזוֹיפִיל מְקַבֵּל זַיין פוּן אִים, עֶר אִיז צוּ הוֹיךְ פַאר זֵיי. דַאן קוּמְט אָבֶער אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד אוּן עֶר נֶעמְט דִי לִימוּדִים פוּנֶעם רֶבִּי׳ן אוּן עֶר גֶעבְּט עֶס אִיבֶּער פַאר אַנְדֶערֶע, אוּן דַאן קֶענֶען פִיל מֶער מֶענְטְשְׁן מְקַבֵּל זַיין פוּן דֶעם צַדִּיק.

וֶוען עֲמָלֵק אִיז גֶעקוּמֶען מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט דִי אִידְן, הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט זַיין תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ אַז עֶר זָאל גֵיין מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט עֲמָלֵק, אוּן יְהוֹשֻׁעַ הָאט טַאקֶע פַארְטְרִיבְּן דֶעם עֲמָלֵק אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוֹת י״ז, י״ג) ״וַיַּחֲלֹשׁ יְהוֹשֻׁעַ אֶת עֲמָלֵק וְאֶת עַמּוֹ לְפִי חָרֶב״. אוּן דָאס גֵייט אַזוֹי וַוייטֶער אָן אִין אַלֶע דוֹרוֹת. עֲמָלֵק אִיז דֶער יֵצֶר הָרַע אוּן דֶער סַמַ״ךְ מֶ״ם וָואס קוּמְט מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט יֶעדְן אִידִישׁ קִינְד, עֶר וִויל אִים נָאר אַוֶועקְנֶעמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן מֶען דַארְף הָאבְּן דֶעם גְרוֹיסְן תַּלְמִיד, אַזוֹי וִוי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן נוּן, וָואס זָאל מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט דֶעם עֲמָלֵק, אַז עֶר זָאל אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר אִידְן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועגְן אוּן עֵצוֹת וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ קְרִיגְן מִיט עֲמָלֵק, וִוי אַזוֹי מֶען קֶען מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט׳ן יֵצֶר הָרַע, אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְפִירְן פוּן אִים.

אוּן דָאס אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען דֶער כֹּחַ פוּן רֶבִּי נָתָן וָואס עֶר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי אַלֶע הֵיילִיגֶע עֵצוֹת אוּן לִימוּדִים פוּן רֶבִּי׳ן אוּן עֶר הָאט דָאס וַוייטֶער אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אַז מִיר זָאלְן דָאס אוֹיךְ קֶענֶען נוּצְן אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן שְׁטֶענְדִיג נָאר צוּ זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועקְפַאלְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף רֶבִּי נָתָן: ״וֶוען נִישְׁט אִים וָואלְט נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן פוּן מִיר אֲפִילוּ אֵיין בְּלֶעטְל שֵׁמוֹת״. מִיט׳ן כֹּחַ פוּן רֶבִּי נָתָן קֶענֶען מִיר מְקַבֵּל זַיין דִי גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס לֶערְנְט אוּנְז אַ וֶועג אִין לֶעבְן אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט.

דָאס אִיז דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּם שׁוּשַׁן פּוּרִים, מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ אוּן מִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט אוּנְז גֶעשִׁיקְט אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים מִיט זֵייעֶרֶע גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים אוּן דוּרְךְ זֵיי קֶענֶען מִיר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן שְׁטֶענְדִיג, אֲפִילוּ אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע צַייטְן.

## מָארְגְן מָארְגְן נָאר נִישְׁט הַיינְט

מִיר גֶעפִינֶען בַּיי דִי מִלְחָמָה פוּן עֲמָלֵק (שְׁמוֹת י״ז, ט׳) אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר יְהוֹשֻׁעַ: ״צֵא הִלָּחֵם בַּעֲמָלֵק מָחָר״ - גֵיי אַרוֹיס אוּן הַאלְט מִלְחָמָה מִיט עֲמָלֵק ״מָארְגְן״. דָאס אִיז דִי עֵצָה פוּן עֲמָלֵק, דִי עֵצָה פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, וָואס פְּרוּבִּירְט שְׁטֶענְדִיג אָפְּשְׁטוּפְּן זַאכְן אוֹיף מָארְגְן. ״הַיינְט אִיז שׁוֹין סַיי וִוי נִישְׁט קַיין גוּטֶער טָאג, עֶס גֵייט דִיר נִישְׁט גוּט הַיינְט, מָארְגְן וֶועסְטוּ זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הַאנְט אַרַיין אוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין״. אַ אִיד טָאר זִיךְ אָבֶער נִישְׁט לָאזְן פוּן עֲמָלֵק, מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן אַרַיינְצוּכַאפְּן ״הַיינְט״ וִויפִיל מֶען קֶען. אֲפִילוּ דֶער טָאג אִיז שׁוֹין כִּמְעַט פַארְבַּיי, דַארְף מֶען פְּרוּבִּירְן עֶפֶּעס אַרַיינְצוּכַאפְּן גוּטֶע זַאכְן, אַבִּיסְל תּוֹרָה, אַבִּיסְל תְּפִלָּה, אוּן אַבִּיסְל מִצְוֹת. כָאטְשׁ וִויפִיל מֶען קֶען נָאךְ. וַוייל טַאקֶע ״הַיינְט״ אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער טָאג וָואס מֶען קֶען נָאנְט וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פַארְקֶערְט, מֶען דַארְף אַרוֹיסְכַאפְּן דִי גֶעוֶוער פוּן דִי הֶענְט פוּן דִי פַיינְט אוּן עֶס נוּצְן קֶעגְן זֵיי. וֶוען דֶער יֵצֶר הָרַע רֶעדְט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ עֲבֵירוֹת, צוּ טוּן זַאכְן קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן דַארְף מֶען אִים אָפְּשְׁטוּפְּן אוֹיף מָארְגְן... ״הַיינְט וִויל אִיךְ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל כָאטְשׁ בִּיז בַּיינַאכְט, מָארְגְן וֶועלְן מִיר זֶען וַוייטֶער״. אוּן אוֹיף דֶעם וֶועג קֶען מֶען זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן טַאקֶע מִיט דִי זֶעלְבֶּע עֵצָה. וַוייל אֵיינְמָאל מֶען שְׁטוּפְּט אָפּ אַ זַאךְ, וֶועט מֶען עֶס שׁוֹין נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל טוּן שְׁפֶּעטֶער.

מִיר גֶעפוּנֶען דָאס אִין דִי מְגִילָּה (אֶסְתֵּר ה, ד) וֶוען אֶסְתֵּר הָאט גֶעזָאגְט ״יָ׳בֹא הַ׳מֶּלֶךְ וְ׳הָמָן הַ׳יּוֹם״. אִין דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי וֶוערְטֶער אִיז מְרוּמָז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס נָאמֶען. אֶסְתֵּר הָאט דָא מְרַמֵּז גֶעוֶוען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפוּנְט זִיךְ בַּיים מֶענְטְשׁ ״הַיּוֹם״ - טַאקֶע הַיינְט. יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג קֶען מֶען נָאנְט וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ צוּ זָאגְן אַז דֶער טָאג אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶער טָאג, הַיינְט קֶען מֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין.

וֶוען עֶס אִיז אָבֶער גֶעקוּמֶען בַּיי דִי סְעוּדָה, אוּן אַחַשְׁוֵרוֹשׁ מִיט הָמָן הָאבְּן נָאר גֶעוָואלְט וִויסְן וָואס אֶסְתֵּר וִויל דָא מִיט דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה, דַאן הָאט זִי גֶעזָאגְט ״וּמָחָר אֶעֱשֶׂה כִּדְבַר הַמֶּלֶךְ״ - זִי הָאט גֶענוּצְט דִי עֵצָה קֶעגְן זֵיי, ״מָארְגְן״ וֶועל אִיךְ עֶנְטְפֶערְן, מָארְגְן וֶועל אִיךְ זִיךְ צוּהֶערְן צוּ וָואס אִיר הָאט צוּ פַארְצֵיילְן. אוּן מִיט דֶעם הָאט זִי טַאקֶע אוּנְטֶער גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם הָמָן, מָארְגְן הָאט עֶר שׁוֹין גֶעהַאט זַיין מַפָּלָה, מֶען הָאט גֶעהָאנְגֶען הָמָן אוּן אַלֶע אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ. מִיט דֶעם וָואס שְׁטוּפְּט אָפּ דֶעם יֵצֶר הָרַע אוֹיף מָארְגְן, אוּן מָארְגְן שְׁטוּפְּט מֶען אִים אוֹיף אִיבֶּערְמָארְגְן, דָאס בְּרֶענְגְט זַיין גַאנְצֶע מַפָּלָה.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי חָכְמָה פוּן מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק אוּן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה וֶוען זֵיי הָאבְּן

<<<<<<

גֶעבֶּעטְן פוּן אַחַשְׁוֵרוֹשׁ (אֶסְתֵּר ט', י"ג) "יִנָּתֵן גַּם מָחָר לַיְּהוּדִים אֲשֶׁר בְּשׁוּשָׁן לַעֲשׂוֹת כְּדָת הַיּוֹם" - זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן אַז מָארְגְן זָאל מֶען טוּן אִין שׁוּשַׁן אוֹיךְ אַזוֹי וִוי הַיינְט. דָאס אִיז מְרַמֵּז אַז מָארְגְן וֶועל אִיךְ טוּן דִי זֶעלְבֶּע וִוי הַיינְט, אַזוֹי וִוי הַיינְט הָאבּ אִיךְ אָפְּגֶעשְׁטוּפְּט דֶעם יֵצֶר הָרַע אוֹיף מָארְגְן, דִי זֶעלְבֶּע וֶועל אִיךְ טוּן מָארְגְן אַז אִיךְ וֶועל אִים אָפְּשְׁטוּפְּן אוֹיף אִיבֶּערְמָארְגְן.

דָאס אִיז דִי כֹּחַ פוּן שׁוּשַׁן פּוּרִים וָואס לֶערְנְט אוּנְז אַז מִיר זָאלְן אָפְּשְׁטוּפְּן דֶעם יֵצֶר הָרַע אוֹיף מָארְגְן, אָבֶּער דִי תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת דָאס זָאלְן מִיר נִישְׁט אָפְּשְׁטוּפְּן, נָאר דָאס זָאלְן מִיר טוּן הַיינְט. מִיר זָאלְן אוֹיסְנוּצְן יֶעדְן טָאג וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מִיר זָאלְן אַרַיינְכַאפְּן יֶעדְן טָאג גוּטֶע זַאכְן, אוּן דַאן וֶועט מִיר מַצְלִיחַ זַיין אוּן הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ עַל יְמֵי הַפּוּרִים הַקְּדוֹשִׁים)

בּיים שמחה, און האבן זיך משמח געווען מיטן חתן און מיט די מחותנים, צווישן זיי (ע"פ סדר א"ב): הגה"צ רבי ברוך דוד ראטה שליט"א, אב"ד מראה יחזקאל; הגה"צ רבי געציל בערקאוויטש שליט"א, דומ"ץ קרית יואל; הגה"צ רבי דוד דוב מייזליש שליט"א, אדמו"ר ווייטצען; הגה"צ רבי זלמן לייב פילאפף שליט"א, דומ"ץ סאטמאר וויליאמסבורג; הגה"צ רבי יוסף טייטלבוים שליט"א, אב"ד נעפלימיץ; הגה"צ רבי יחזקאל טייטלבוים שליט"א קלאסנא רב ודומ"ץ סאטמאר קליימער; הגה"צ רבי יעקב שלמה מייזליש שליט"א, אב"ד לימינוב; הגה"צ רבי מרדכי אהרן מייזליש שליט"א, רב דביהמ"ד איחוד התלמידים דסאטמאר; הגה"צ רבי משה פריעדמאן שליט"א, דומ"ץ סאטמאר בארא פארק; הגה"צ רבי שמואל אהרן דייטש שליט"א, אב"ד סענדרא; און נאך פילע רבנים, דיינים און ראשי ישיבה וואס מען האט נישט אנגעיאגט אפצושרייבן.

די מקורבים פונעם עלטער זיידן הגאון הגדול דער קארלסבורגער רב שליט"א האבן געזאגט אז דער זיידע האט געהאט א געוואלדיגע קורת רוח ביים חתונה, און מען האט געקענט זען ווי דער גרויסער זיידע איז געזעסן ביים חתונה מיט א געוואלדיגע שמחה און די נאנטע האבן געזאגט אז ער האט ממש אויסגעזען פריש ווי מיט צען יאר יונגער. ביים חתונה האט ער זיך אויסגעדוקט: "ממנו ילמדו וכן יעשו".

**ברכת המזון און מצוה טאנץ** - אום **9:30** איז מען געגאנגען צום בענטשן. דער ראש ישיבה שליט"א איז מכובד געווארן מיט ברכת המזון. תיכף נאך ברכת המזון איז מען צוגעטרעטן צום הייליגע מנהג פון מצוה טאנץ, ווען דער שמש פון בית המדרש האט אויסגערופן אלע זיידעס און מחותנים מיט'ן שוין גוט באקאנטן קורצן "יעמוד יעמוד" נוסח. אלע באטייליגטע האבן שטארק הנאה געהאט אז זיי דארפן נישט אויסווארטן די לאנגוויילינגע הספדים צערעמאניעס וואס קומט בכלל נישט אריין ביי א חתונה אדער מצוה טאנץ.

מען האט אריינגעברענגט די ספעציעלע מחיצות צום מצוה טאנץ כנהוג בחצר קארלסבורג. צום ערשט האט מען אויסגערופן דעם גרויסן זיידן כ"ק הגה"צ קארלסבורגער רב שליט"א צום מצוה טאנץ, וואס האט כמנהגו בקודש געטיילט דער מאכל "קינדל" פאר'ן גיין טאנצן. דערנאך איז דער זיידע געגאנגען טאנצן מיט א געוואלדיגע שמחה און התלהבות אויפן נייעם הערליכן קארלסבורגער "אור זרוע לצדיק" ניגון.

אינצווישן איז פארטיילט געווארן פארן ציבור דער נייער ספר "איש יהודי", א פירוש אויף מגילת אסתר געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א, פול מיט שיינע טייטשן חיזוק און עצות מיט די הקדמות פון הייליגן רבי'ן און מוהרא"ש ז"ע, אויף וואס די פילע אנוועזנדע רבנים הגה"צ שליט"א האבן אויסגעדרוקט שטארקע התפעלות אויף די רייכע תוכן פונעם ספר.

דערנאך האט מען אויסגערופן צו מצוה טאנץ דעם ראש ישיבה'ס שווער הגה"צ רבי מרדכי אהרן מייזליש שליט"א מווייטצען; דערנאך דעם ראש ישיבה'ס טאטע הגה"צ רב הצעיר קארלסבורג שליט"א; דערנאך די אנדערע זיידעס; דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א געטאנצן מצוה טאנץ; דערנאך דער טאטע פון די כלה הר"ר מרדכי אינדיג שליט"א, און דערנאך די חתן כלה.

נאך די חתונה האט מען געזונגען די ניגונים "אין כאלוקינו" און "לקח און ברוינפן" כמנהג ווייטצען.

אויף **10:30** איז שוין די גאנצע חתונה געווען פארטיג, און אויף **10:45** איז דער גאנצער בית המדרש שוין געווען אויפגערוימט און גרייט פאר'ן מארגנדיגן טאג פאר די בחורים צו קומען לערנען.

זאל דער אייבערשטער העלפן אז די מחותנים זאלן זען נאר שמחה און אידיש נחת ווייטער, און די פאר פאלק זאלן זוכה זיין אויפצושטעלן א הערליכע אידישע שטוב לתפארת אבותינו ורבותינו, און פון זיי זאל ארויסקומען הערליכע אידישע דורות וואס וועלן באלייכטן די וועלט.

**עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים!**



# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## וִוי אַזוֹי דֶערְהַאלְט מֶען זִיךְ בִּיז דִי יְשׁוּעָה קוּמְט אָן?

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אַ רִיזִיגְן דַאנְק פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, אִיךְ בִּין זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק מִיט דִי אַלֶע עֵצוֹת וָואס אִיךְ בַּאקוּם דָא אִין דִי הֵיילִיגֶע פְּלַאץ הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ.

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁאֵלָה וִוי אַזוֹי מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ בִּיז מֶען בַּאקוּמְט דִי יְשׁוּעָה אוֹיף וָואס מֶען בֶּעט דֶערוֹיף אַ גַאנְצְן טָאג? עֶס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען פִּילְט וִוי גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁעט. זֶעט עֶר מַיין צַעַר? וִויאַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מְחַזֵּק?

אִיךְ דַארְף נִישְׁט אוֹיסְרֶעכְעֶנֶען דָא דִי דֶעטַאלְן פוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ מַאךְ מִיט, ס'מַאכְט נִישְׁט קַיין חִילּוּק אוֹיף דִי נוֹשֵׂא, אָבֶּער וִוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט דִי הִתְבּוֹדְדוּת, אַסַאךְ מָאל פַארְלִיר אִיךְ דִי מוּט פוּן בֶּעטְן נָאכְאַמָאל, וֶוען אִיךְ זֶע וִוי זַאכְן גֵייעֶן מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער, אוּן אִיךְ בֶּעט אוּן בֶּעט אַזוֹיפִיל אוּן אִיךְ זֶע נִישְׁט דִי יְשׁוּעָה.

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ו' אָדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת אִין לֶעבְּן; בִּפְרַט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען זֶעט נִישְׁט וִוי מֶען בַּאקוּמְט אַ יְשׁוּעָה; דַארְף מֶען הָאבְּן גָאר אַסַאךְ סַבְלָנוּת נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְּן, נִישְׁט וֶוערְן מְיוּאָשׁ. וַוייל חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (בְּרָכוֹת לב:): "אִם רָאָה אָדָם שֶׁהִתְפַּלֵּל וְלֹא נֶעֱנֶה, יַחְזוֹר וְיִתְפַּלֵּל", אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ זַאךְ אוּן עֶר זֶעט נִישְׁט זַיין יְשׁוּעָה, זָאל עֶר נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִילִים כז, יד): "קַוֵּה אֶל ה', חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ, וְקַוֵּה אֶל ה'"; מֶען דַארְף זִיךְ עַקְשְׁנ'עֶן מִיט תְּפִלָּה, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל בִּיז מֶען זֶעט גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, וֶוען דוּ בֶּעטְסְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן מִיט רַחֲמָנוּת, נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם גַנְבְ'עֶנֶען מִיט כֹּחַ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצו): "אָסוּר לָאָדָם לַעֲמֹד עַצְמוֹ עַל שׁוּם דָּבָר, הַיְנוּ שֶׁאָסוּר לְהִתְעַקֵּשׁ בִּתְפִילָּתוֹ, שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יַעֲשֶׂה לוֹ דַּוְקָא אֶת בַּקָּשָׁתוֹ וְכוּ'", אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט אַיינְ'עַקְשְׁנ'עֶן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז מִיט אִים טוּן אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, "רַק צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל וּלְהִתְחַנֵּן לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּרַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים, אִם יִתֵּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, יִתֵּן, וְאִם לָאו, לָאו", נָאר מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט רַחֲמָנוּת, אַזוֹי וִוי מֶען בֶּעט זִיךְ בַּיי אֵיינֶעם עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן; אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן אִיז גוּט אוּן אַז עֶר וֶועט אִים נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן - אִיז נִישְׁט, אַז מֶען נֶעמְט מִיט גֶעוַואלְד קֶען מֶען וֶוערְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת סד.): "כָּל הַדּוֹחֵק אֶת הַשָּׁעָה, הַשָּׁעָה דּוֹחַקְתּוֹ", וֶוער עֶס עַקְשְׁנְ'ט זִיךְ, עֶר זָאגְט 'עֶס מוּז יֶעצְט גֶעשֶׁעְן דָאס אוּן דָאס' - דֶער וֶועט וֶוערְן זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט אוּן צֶעבְּרָאכְן.

ווָאוּיל אִיז דֶעם וָואס וַוארְט אוֹיס אוֹיף זַיין יְשׁוּעָה, עֶר הָאט סַבְלָנוּת בִּיז זַיין יְשׁוּעָה קוּמְט.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּרוּמָה תשפ"א)

BreslevCenter.com\answers

שָׁלוֹם אִיז דֶער נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (שַׁבָּת י:), שָׁלוֹם אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ; פּוּרִים אִיז אַ צַייט וָואס מֶען בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער, מֶען מֶעקְט אוֹיס דִי קְלִיפָּה פוּן הָמָן אוּן עֲמָלֵק - פוּן מַחְלוֹקֶת. הָמָן הָאט גֶעוָואלְט מַאכְן מַחְלוֹקֶת, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ (אֶסְתֵּר ג, ח): "יֶשְׁנוֹ עַם אֶחָד מְפֻזָּר וּמְפֹרָד", זַיין זַאךְ אִיז מַחְלוֹקֶת, וואוּ עֶס אִיז דָא אַ מַחְלוֹקֶת אִיז עֶס פוּן הָמָן אוּן עֲמָלֵק, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת מְרִיבָה, סִימָן סו): "בִּמְקוֹם מְרִיבָה שָׁם הַשָּׂטָן", אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ - דָארְט אִיז דֶער שָׂטָן; וְוידֶער מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק אוּן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה זֵייעֶר זַאךְ אִיז (אֶסְתֵּר ד, טז): "לֵךְ כְּנוֹס אֶת כָּל הַיְּהוּדִים", זִיךְ צַאמְנֶעמֶען לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

בֶּעט אִיךְ אַייךְ טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, זֶעט עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ; גֶעדֶענְקְט, אִין שְׁטוּבּ אִיז אָסוּר וְויכּוּחִים, מִיט אַ וַוייבּ אִיז מֶען זִיךְ נִישְׁט מִתְוַוכֵּחַ, מִיט אַ וַוייבּ טַעֲנָה'ט מֶען נִישְׁט, מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט: "אַ וַוייבּ אִיז אַלְץ גֶערֶעכְט"; מֶען דַארְף זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין אוֹיף דֶעם, וַוייל דֶער יְסוֹד פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ מַחְשָׁבָה, אוּן כְּדֵי צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ דַארְף זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ, אַז מֶען אִיז בְּשָׁלוֹם מִיט דִי וַוייבּ אִיז מֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, תְּרוּמָה תשפ"א)

## בית המדרש "היכל הקודש" ברסלב

נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

# סעודת פורים

**ווערט פארקומען אי"ה דעם מוצאי שב"ק**

**בהיכל בית מדרשינו 27 Skillman St.**

**בשעה 9:30**

**די ווייבער שול ווערט אי"ה זיין אפן**

**א פרייליכן פורים, הגבאים**

## סימן טוב ומזל טוב

החתן מו"ה **אהרן לונגער** הי"ו

**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב עב"ג**

***

החתן מו"ה **יואל מאשקאוויטש** הי"ו

**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב עב"ג**

***

החתן **שלמה אהרן בליקזילבער** הי"ו

**וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג**

***

החתן **יוסף פעלדמאן** הי"ו

**וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג**

***

מו"ה **שלום שניטצלער** הי"ו

**צו די געבורט פון צווילינג אינגלעך למזל טוב**

***

מו"ה **שמואל לייב פעלבערבוים** הי"ו

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **משה ראזענבערג** הי"ו

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **מאטי היימליך** הי"ו

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **ישראל שלום זעלקאוויטש** הי"ו

**צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למזל טוב**

הבחור החשוב **חיים וואלף** נ"ו

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## אויסטערלישע שמחה ווען דער ראש ישיבה שליט"א מאכט חתונה אין בית המדרש

דעם פארגאנגענעם מיטוואך פרשת תרומה איז ברוך ה' פארגעקומען די צוואנציגסטע פרייליכע חתונה אין בית המדרש, און אזוי ווי אלעמאל האט עס נישט געקאסט קיין פרוטה פאר די מחותנים, דער בית המדרש איז געווען צוגעשטעלט אומזיסט, די מוזיק איז געווען א טעיפ פון א חתונה, די פרויען פון אנשי שלומינו האבן צוגעשטעלט דאס עסן, און עס האט ברוך ה' גארנישט געפעלט פון די חתונה, עס האט געהאט אן אמת'ע אידישע טעם.

עס איז געגאנגען אונטער די חופה דער חתן מו"ה אלחנן חיים הי"ו, א זון פון ראש ישיבה שליט"א, עב"ג די כלה בת הר"ר מרדכי אינדיג שליט"א, מנהל תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב.

סיי די חתן און סיי די כלה זענען תלמידים פון די הייליגע מוסדות היכל הקודש ברסלב, און וויסן אז "חתונה" הייבט זיך אן א טאג נאך די שבע ברכות, און האבן קוים געקענט ווארטן אויפצושטעלן צוזאמען זייער נייעם שטוב על דרך ישראל סבא, און עס האט זיי בכלל נישט געצויגן צו פארשווענדן אידיש געלט אויף זאכן וואס קיינער דארף נישט, ווי רייכע מתנות, טייערע מעבל, עכטע שטיינער אין די צירונג, אן עלעגאנטער זאל, קעיטערער, מוזיק, בדחן, א.א.וו. - פאר זיי איז געווען מער ווי גענוג דאס אליינס אז דער אייבערשטער האט זיי געהאלפן אז זיי האבן געטראפן זייער שידוך, און גייען ב"ה אויפשטעלן זייער אייגענער שטוב. און פאר די פאר שעה פון די חתונה נאכט? וואס איז שלעכט מיט פשוטע מתנות, א פורנישד דירה, עכטע צירונג מיט פאלשע שטיינער, א חתונה אין בית המדרש, אביסל חלה און קוגל צום סעודה, און "יעמוד יעמוד" פאר מצוה טאנץ.

**קבלת פנים** - אום 5:00 זענען די מחותנים און חתן כלה אנגעקומען צום קבלת פנים, וואו מען האט געזינגען שיינע ניגוני התעוררות.

**חופה** - אום 6:00 איז מען געגאנגען צו די חופה, עס האט געהערשט א גרויס התעוררות ביים חופה, מען האט געזינגען ווארימע ניגונים, און ווער עס האט געקוקט האט געקענט זען ווי יעדנ'ס ליפן האבן זיך געשאקלט, ווען דער ציבור האט אויסגענוצט די געלעגנהייט זיך אויסצובעטן אלעס גוטס.

מיט סידור קידושין איז מכובד געווארן דער עלטער זיידע פונעם חתן כ"ק הגה"צ קארלסבורגער רב שליט"א. הרה"צ רב הצעיר קארלסבורג שליט"א זיידע פון חתן איז מכובד געווארן מיט כתובה ליינען, הגה"צ ר' יחזקאל טייטלבוים שליט"א קלאסנא רב ודומ"ץ סאטמאר קליימער איז מכובד געווארן מיט א ברכה; הרה"ג ר' יודא לייב פליישמאן שליט"א זיידע פון די כלה איז מכובד געווארן מיט א ברכה; כ"ק אדמו"ר מווייטצען שליט"א פעטער פון חתן איז מכובד געוואן מיט א ברכה, הרה"צ מוה"ר מרדכי אהרן מייזליש שליט"א בן כ"ק אדמו"ר מווייטצען זצ"ל זיידע פון חתן איז מכובד געווארן מיט ברכה אחריתא. נאך די חופה האט מען זיך ארויסגעלאזט אין א פרייליכן טאנץ, דאנקענדיג דעם אייבערשטן אויף זיינע גרויסע חסדים.

נאך די חופה האט מען געדאווענט מנחה און מעריב.

**סעודה** - דערנאך איז מען אריין אין בית המדרש וואו מען האט זיך געוואשן צום סעודת החתונה, עס האט אונטערגעשפילט שיינע רואיגע חסידישע ניגונים, אן אפגעכאפטע טעיפ פון א "געהעריגע" חתונה, מיט א שיינע כאר. פאר די נאנטע משפחה איז געווען צוגעגרייט חלה, פיש, סאלאטן, קוגל, און טשאלענט, מיט וואס דער עולם האט זיך מחיה געווען און געגעסן צו דער זעט.

**שמחת חתן וכלה** - אום 8:00 איז די חתן אריינגעקומען אין זאל, וינועו אמות הסיפים, עס האט געקנאקט דער טעיפ "עוד ישמע בערי יהודה", פונקט אדער נאך שענער ווי עס וואלט געווען "לייוו מוזיק". דער עולם האט זיך ארויסגעלאזט אין רינגען, אזש די ווענט האבן מיטגעטאנצט, די פנימ'ער פון די באטייליגטע האבן געשטראלט פאר שמחה, און די געפילן פון שמחה האבן זיך איבערגעגאסן אין אלע ביינער אז מען האט געשפרינגען אין די לופטן.

דער ריזיגער עולם האט געהאלטן אין איין שטראמען צום בית המדרש וואס איז געווארן פילער און פילער, עס האבן זיך אנגעזען געסט ביים שמחה געסט פון נאנט און פון ווייט. די טענץ האבן אנגעהאלטן פאר אומגעפער איינס און א האלב שעה, זיך מיטצופרייען מיט'ן חתן און מיט'ן מחותן דעם ראש ישיבה שליט"א וואס צענדליגער טויזנטער אידן איבער די גאנצע וועלט דערקוויקן זיך טאג טעגליך מיט די שיעורים בריוון און אזוי ווייטער, און ווערן אויפגעלעבט און באקומען א פרישע חיות צו דינען דעם אייבערשטן.

אויסער די זיידעס הגאונים הצדיקים שליט"א, האבן זיך פילע רבנים און מורי צדק זיך באטייליגט

<<<<<<

## שלום בית

**א גרינגע געשמאקע וועג ווי אזוי יעדער קען זוכה זיין צו האבן א גליקליך לעבן אינדערהיים, מיט אהבה ואחוה שלום ורעות**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 7, 1, 100**

## עצתו אמונה בײ אײער טיר



סובסקרייבט אייך צו באקומען די "עצתו אמונה" יעדע וואך אויף די פאסט פאר די ביליגע פרייז פון בלויז $2.99 א וואך

**זייט אויך פון די גליקליכע וואס זענען זיך מחיה יעדע וואך מיט די פילע עצות און חיזוק אין לעבן**

**718-387-2691 #3**

**subscribe@kerenhadfusa.org**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**